# דברות קודש שהשמיע
# כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## בענין הסכנה הגדולה בהשתמשות בהטעכנאלאגיע החדשה הנקרא A-I

## בשיחה לתלמידי ישיבה גדולה

יום ג' פרשת נשא העעל"ט

**איך** האב נאר געוואלט זאגן אפאר ווערטער וואס איז נוגע. יעדער ווייסט די חורבן פון אינטערנעט, וואס עס האט שוין חרוב געמאכט אסאך אידישע שטובער, און ב"ה ישראל קדושים, מ'גיבט אכט, מ'היט זיך יעדער איינער ווי ווייט מעגליך, ס'קומט נישט אריין אין קיין אידישע שטוב סמארטפאן'ס און כדומה וכדומה.

**איך** דארף נישט פארציילן, אבער יעדער ווייסט מן הסתם, אז עס איז געווארן א פרישע חורבן אין די וועלט 'עי איי' הייסט עס, מ'קען אריינרופן און פרעגן אלעס וואס טוט זיך אויף די וועלט, און באקומען א תשובה דערויף, און עס איז א כלי וואס איז נאך א גרעסערע חורבן פון די אינטערנעט, מען הערט זיך אן דעות וכדומה פון זאכן וואס איז נישט אויסגעהאלטן על פי תורה, מ'ווייסט קיינמאל נישט וואו מען פאלט אריין, עס איז א טעלעפאן נאמבער וואס איז אסור זיך צובאנוצן דערמיט.

**א בחור דארף זיך פארנעמען אז דאס האט נישט קיין שייכות מיט מיר, ס'האט א שייכות מיט גוים, ס'האט נישט קיין שייכות פאר א ערליכע בחור זאל אויפהייבן א טעלעפאן אהין צו רופען, מ'איז אסאך מאל נייגעריג און מ'וויל הערן וואס דאס איז, ממילא קומט אויס אז מ'רופט, מ'טאר נישט זיין נייגעריג דאס מיינט לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, ס'וואלט קיינעם נישט איינגעפאלן אריין צוגיין אין א תיפלה, ווייל ער וויל האבן אינפארמעישאן אויף עפעס א זאך, מ'האט געוואוסט אין א תיפלה טרעט מען נישט אריין, דעס איז ערגער פון א תיפלה, און א בחור און קיין שום איד האט נישט וואס צו האבן א שייכות מיט דעם.**

**ס'נישט** א זאך וואס מ'קען מאכן א שמירה דערויף, ס'נישט אזוי ווי אנדערע זאכן וואס מ'קען מאכן גדרים וסייגים, **מ'דארף זיין אליינס א בעל הבית אויף זיך יעצט, וויסן אז די יצר הרע שלאפט נישט, און ער מיינט יעדן איינעם פון אונז, ווילאנג מען וועט זיך נישט מאכן קיין געהעריגע שמירה, ווייסט מען נישט וואו ער וועט אנקומען שפעטער.**

**ס'נישט** א זאך וואס איז לעבן'ס וויכטיג אז מען דארף עס האבן, אז מען קען זיך נישט באגיין אן דעם, ס'איז פשוט א טעלעפאן וואו מ'קען אריינרופן און פרעגן זאכן וואס מ'וויל אלץ הערן, און א בחור דארף זיך פון דעם אפגעוויינען, נישט נעמען די טעלעפאן מיט א קבלה גמורה, איך וויל נישט האבן קיין שייכות צו די נאמבער, עס אינטערעסירט מיר נישט וואס מ'זאגט דארטן, ס'אינטערעסירט מיר נישט צו מיין חבר וועט נאכזאגן עפעס פון דארטן, דאס איז א זאך וואס דארף נישט זיין אין א אידישע שטוב.